NEW

# לקוטי שיחות

LECH LECHA לך לך

VOLUME 1, P. 15–23

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# LECH LECHA I | לך לך א

Adapted from a *sichah* delivered on *Yud-Gimmel Tammuz,* 5714 (1954)

## Introduction

We all know the story: Avraham shattered his father's idols. The king of Ur subsequently cast him into a fiery furnace and G-d miraculously saved him. Interestingly, the Written Torah only alludes to this episode, choosing instead to introduce Avraham's life with the command, "Go forth from your land, from your birthplace, and from your father's house."[1]

The confrontation Avraham faced while in his father's home was a personal trial of faith. However, the Torah begins to teach us about his life with *Lech lecha,* the command to go forth from his native land, because it is a story that speaks to every soul. This directive encapsulates the essential journey of every Jew's life. Before birth, our souls exist on sublime spiritual planes. Yet they descend into bodies specifically so they can achieve levels loftier than their original source.

This teaching transforms how we understand our daily struggles. When we feel torn between spiritual aspirations and worldly demands, we are actively fulfilling the very purpose for which our souls descend. The challenge of *Lech lecha* – going forth from our comfort zones, our ingrained patterns, even our holy inclinations – defines the Jewish mission across all generations.

---

**1.** *Bereishis* **12:1.**

# Avraham's Trial: A Universal Challenge

## A Trial Everyone Must Undergo

**1.** Our Sages[1] **taught, "Our Patriarch, Avraham underwent ten trials." One of the first trials, and perhaps also among** his **greatest, was the trial of Ur Kasdim,** where he was cast into a burning furnace. **Nevertheless, this trial is not mentioned explicitly in the Torah, only by allusion. The first trial mentioned explicitly in the Torah is the trial of *Lech lecha,*** when G-d commanded him, **"Go forth from your land, from your birthplace, and from your father's house."**[2]

**It can be said that the reason for this is that the** challenge of obeying the command, **"Go forth from your land…" exists within every person's Divine service.** More specifically, the challenge involves **both** "go[ing] forth," descending **"from above to below,"** i.e., extending the spiritual into the lowly, material realm, **and** ascending **"from below to above,"**[3] elevating oneself by changing and breaking through one's natural tendencies and, **moreover,** advancing **within the "below" itself,** continuing to carry out this task without resting.

א. עֶס שְׁטֵייט עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ[א] (מִיט צֶען נִסְיוֹנוֹת אִיז אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעפְּרוּאווְט גֶעוואָרְן). אֵיינֶער פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע נִסְיוֹנוֹת - אוּן אֶפְשָׁר אוֹיךְ פוּן דִי גְרֶעסְטֶע - אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּן אוּר כַּשְׂדִּים, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אָבֶער ווֶערְט דֶער דָאזִיקֶער נִסָּיוֹן נִיט דֶערְמָאנְט אִין דֶער תּוֹרָה בְּפֵירוּשׁ, נָאר בְּלוֹיז דוּרְךְ אַ רֶמֶז (אָנְדַייטוּנְג). דֶער עֶרְשְׁטֶער נִסָּיוֹן ווֶעלְכֶער ווֶערְט בְּפֵירוּשׁ דֶערְמָאנְט אִין דֶער תּוֹרָה אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּן "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ".

קֶען מֶען זָאגְן אַ טַעַם אוֹיף דֶעם, ווַיְיל דֶער עִנְיָן פוּן לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ גו' אִיז פַאראַן אִין דֶער עֲבוֹדָה פוּן יֶעדְן מֶענְטשְׁן, סַיי מִלְמַעְלָה לְמַטָּה, סַיי מִלְמַטָּה לְמַעְלָה[ג] אוּן סַיי אִין דֶעם מַטָּה (אוּנְטְן) גוּפָא.

## The Paradox of Descent

**2.** To preface with **a brief** summary of **the concept: The soul's descent into the body involves two contradictory motifs:**

ב. אִין קוּרְצְן מֵיינְט דָאס:

אִין דֶעם עִנְיָן פוּן דֶער יְרִידָה פוּן דֶער נְשָׁמָה לְמַטָּה אִין אַ גוּף, גֶעפִינְט מֶען צְווֵיי קֶעגְנְזַאצְן:

---

1. *Avos* 5:3.

2. *Bereishis* 12:1.

3. See *Torah Or,* the beginning of *Parshas Lech Lecha,* p. 11; *Toras Chayim,* the beginning of *Parshas Lech Lecha,* p. 80a; *et al.*

**a) "Against your will you live"[4] – The soul is compelled** to descend to this world **and live in the body. Before its descent, the soul was hewn from beneath G-d's Throne of Glory,[5]** Moreover, even that lofty peak itself **represents a descent for the soul. It also exists on a more elevated level, in a state of** purity, as we say each day in our morning blessings, **"it is pure." And there are even more sublime levels** within the soul's hierarchy.[6]

Thus, **the descent of the soul** to grant life to the body is one **of great magnitude.** Additionally, **as the Rebbe** Rayatz stated **in one of his talks,[7] before the soul's descent** to this world, **it is shown the Garden of Eden and Gehinnom[8] so that it will know** what awaits it as a result of its life **in this world. As such, the soul's descent below to grant life to the body runs contrary to the soul's** will and natural tendency. This is the implication of our Sages' words, **"Against your will, you live."**

**b) Conversely, however, despite the magnitude of the descent, it is precisely through this descent that the soul reaches a higher level than before its descent.** As expressed in **the well-known teaching,** it is **"a descent for the purpose of an ascent."[9]**

א) "עַל כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי"[ג] (קֶעגְן דַיְין ווילְן לֶעבְּסְטוּ), ווַיְיל דָאס לֶעבְּן פוּן דֶער נְשָׁמָה אִין אַ גוּף אִיז אַ צְווַאנְג־זַאךְ פַאר דֶער נְשָׁמָה. וְוָארוּם דִי נְשָׁמָה - אֵיידֶער זִי נִידֶערְט אַרָאפּ אִין אַ גוּף - אִיז חֲצוּבָה מִתַּחַת כִּסֵּא הַכָּבוֹד[ד] (אוֹיסְגֶעהַאקְט פוּן אוּנְטֶער דֶעם כִּסֵּא הַכָּבוֹד) אוּן דָאס אִיז עֶרְשְׁט דִי נִידֶעריקְע מַדְרֵיגָה אִין דֶער נְשָׁמָה. אוּן עֶס אִיז פַארַאן אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה אִין דֶער נְשָׁמָה, ווִי זִי אִיז אִין דֶער בְּחִינָה פוּן "טְהוֹרָה הִיא", אוּן נָאךְ הֶעכֶער.

ווַיְיל דֶער אַרָאפְּגֵיין אוֹיף דֶער ווֶעלְט אִיז פַאר דֶער נְשָׁמָה אַ גְרוֹיסֶע יְרִידָה, אוּן בִּפְרַט ווִי דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִין אַ שִׂיחָה[ה] אַז אֵיידֶער דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ לְמַטָּה ווַיְיזְט מֶען אִיר דֶעם גַּן עֵדֶן מִיטְן גֵיהִנֹּם, כְּדֵי זִי זָאל ווִיסְן ווָאס זִי הָאט צוּ טָאן אוֹיף דֶער ווֶעלְט, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער אַרָאפְּנִידֶערְן פוּן דֶער נְשָׁמָה צוּ בַּאלֶעבְּן אַ גוּף אַ גֶעצְווָאוּנְגֶענֶע זַאךְ בַּיי דֶער נְשָׁמָה - עַל כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי.

ב) פוּן דֶער צְווֵייטֶער זַיְיט אָבֶּער, אִיז נִיט קוּקְנְדִיק ווָאס דִי יְרִידָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, קוּמְט דִי נְשָׁמָה דַוְקָא דוּרְךָ דֶער דָאזִיקֶער יְרִידָה, צוּ אַ מַדְרֵיגָה ווֶעלְכֶע אִיז נָאךְ הֶעכֶער ווִי זִי אִיז גֶעווֶען פְרִיעֶר, ווִי דֶער בַּאווּסְטֶער מַאֲמָר[ו] יְרִידָה צוֹרֶךְ עֲלִיָּה.

## To the Depths and to the Heights

**3. These two aspects** of the soul's journey **are alluded to in the verse,[10] *Lech lecha,* "Go forth from your land, from your birthplace, and from your father's house to the land that I will show you."** To focus on the soul's descent from its

ג. דִי דָאזִיקֶע צְווֵיי עִנְיָנִים זַיְינֶען מְרוּמָּז אִין דֶעם פָּסוּק לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ.

---

**4. *Avos* 4:22.**

**5. See *Zohar,* Vol. III, p. 29b**

6. In Kabbalistic terms, the phrase "hewn out from below the Throne of Glory" represents the soul's existence in the realm of *Beriah.* "It is pure" reflects its existence in the realm of *Atzilus.* And, in truth, the soul's source is in G-d's Essence itself.

7. Delivered on **Shavuos, 5694 (1934), sec. 17ff. (*Likkutei Dibburim,*** Vol. 1, **p. 169).**

8. I.e., the rewards and punishments given the soul in the afterlife.

**9. *Likkutei Torah, Vayikra,* p. 41a, *et al.***

10. *Bereishis* 12:1.

lofty source: ***Mei'artzecha* (מארצך), "from your land,"** shares the fundamental root letters of the word רצון, "will." Thus, it represents **the soul as it exists within G-d's will. This** level **is loftier than** the source of the soul mentioned in ***Tanya*, ch. 2, which states that the soul derives from** G-d's **wisdom, about which it is said, "He and His wisdom are one," since will represents a loftier** spiritual **rung than wisdom.**[11]

(On this basis, we can understand **the statement in a later chapter of *Tanya,* ch. 32, that** the souls **"are all identical." This** refers to their existence within **the Divine will.**[12] **"And they all possess one Father,"**[13] **refers** to their existence within **Divine wisdom.**)

**"From your birthplace and from your father's house"** also allude to different Kabbalistic levels – **the soul** as rooted **in the *sefiros* of *chochmah* ("wisdom") and *binah* ("understanding") – for** conception and **birth come from the father and the mother, and *chochmah* is identified with the father and *binah* with the mother.**[14]

**"From your birthplace" corresponds to the soul as it exists in *chochmah,*** for the power of conception stems from *chochmah.*

**"From your father's house"** refers to **the soul as it exists in the level of *binah.*** (Although ***chochmah* is identified with the father, "your father's house" refers to *binah,* because** *binah* is **the house and conduit for "the father,"** *chochmah.*)

**Alternatively, it can be said that "from your birthplace" includes both** parents, **the *sefiros* of *chochmah* and *binah,* since** together they serve as **progenitors. "Your father's house" corresponds to the soul as it exists in the *sefirah* of *malchus*** (**"sovereignty"**) since *malchus* is the attribute that houses all the *sefiros* and enables them to descend to the lower realms.

"מֵאַרְצְךָ" מֵיינְט ווִי דִי נְשָׁמָה שְׁטֵייט אִין דֶער בְּחִינָה פוּן רָצוֹן הָעֶלְיוֹן, ווָאס דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן דֶעם ווָאס עֶס שְׁטֵייט אִין תַּנְיָא (פֶּרֶק ב) אַז דִי נְשָׁמָה נֶעמְט זִיךְ פוּן חָכְמָה עִלָּאָה ווָאס "הוּא וְחָכְמָתוֹ אֶחָד" (דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוּן זַיְין חָכְמָה זַיְינֶען אֵיינְס) ווָארוּם רָצוֹן אִיז הֶעכֶער פוּן חָכְמָה[ז].

- דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער עִנְיָן ווָאס עֶר זָאגְט אִין תַּנְיָא (פֶּרֶק לב) "שֶׁכֻּלָּן מַתְאִימוֹת, וְאָב אֶחָד לְכֻלָּנָה", כֻּלָּן מַתְאִימוֹת (אַלֶע זַיְינֶען גְלַיְיךְ) - דָאס אִיז מִצַּד דֶער בְּחִינָה פוּן רָצוֹן, וְאָב אֶחָד לְכֻלָּנָה (זֵיי הָאבְּן אַלֶע אֵיין פָּאטֶער) - מִצַּד דֶער בְּחִינָה פוּן חָכְמָה. -

"וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ" - אִיז ווִי דִי נְשָׁמָה שְׁטֵייט אִין דִי סְפִירוֹת חָכְמָה אוּן בִּינָה. "לֵידָה" (גֶעבּוּרְט) אִיז דָאךְ פוּן "אָב וָאֵם" (פָּאטֶער אוּן מוּטֶער), ווָאס חָכְמָה אִיז "אָב" אוּן בִּינָה אִיז "אֵם"[ח].

מוֹלַדְתְּךָ - אִיז ווִי דִי נְשָׁמָה שְׁטֵייט אִין סְפִירַת הַחָכְמָה, אוּן בֵּית אָבִיךָ אִיז ווִי דִי נְשָׁמָה שְׁטֵייט אִין דֶער סְפִירָה פוּן בִּינָה, ווָארוּם אָב, ווִי גֶעזָאגְט, אִיז חָכְמָה, אָבֶּער "בֵּית אָב" אַ בַּיִת אוּן אַ כְּלִי צוּ אָב - אִיז בִּינָה.

אוֹיף אַן אַנְדֶער אוֹפֶן קֶען מֶען זָאגְן: מוֹלַדְתְּךָ - אִיז כּוֹלֵל בֵּיידֶע סְפִירוֹת חָכְמָה וּבִינָה ווֶעלְכֶע זַיְינֶען מוֹלִיד. בֵּית אָבִיךָ אִיז ווִי דִי נְשָׁמָה גֶעפִינְט זִיךְ אִין סְפִירַת הַמַּלְכוּת.

---

**11. *Likkutei Torah, Vayikra,* p. 24a; *Bamidbar,* p. 12a, *et al.; Derech Mitzvosecha,* p. 99.**

12. The rationale is that will does not differentiate between the objects of its desire but rather expresses the soul as an indivisible whole.

13. As will be stated below, *av,* "father," is identified with the *sefirah* of *chochmah* in *Chassidus* and Kabbalah. See *Tanya*, ch. 3.

**14. *Tanya,* ch. 3; *Toras Chayim, Parshas Bereishis,* the *maamar* entitled *Vayitzer,* sec. 51.**

**On an even lower level,** the phrase, **"from your birthplace, and from your father's house,"** can be understood as **referring to *binah* – *zeir anpin*** (the emotive attributes of *Atzilus*), **and *nukva*** (***malchus***).[15]

**These three levels of the soul also exists as** the soul descends through **the** chainlike **order of spiritual worlds. "From your land"** refers to **the soul as it exists on a level loftier than the World of *Atzilus*** ("Emanation"). **"From your birthplace"** refers to **the soul as it exists in *Atzilus*, for the root of all souls is from *Atzilus*,**[16] **and *chochmah,*** which, as stated above, is the source of conception, **shines within *Atzilus* as a whole;** therein rests **the *yud* of the Divine name *Havayah,*** together with its *milui*.[17] **"Your father's house" refers to the soul as it exists in** the World of ***Beriah*** ("Creation"), **where the *sefirah* of *binah* shines,**[18] **and *malchus*** ("sovereignty") **of *Atzilus* becomes the *kesser*** ("the crown") **of *Beriah.***[19]

**The soul is told, *Lech lecha,* "Go forth from your land, from your birthplace, and from your father's house,"** i.e., it is instructed **to depart from its root and source, including all the** elevated **levels mentioned above.** It must journey **"to the land that I will show you" – to be enclothed in a physical body. For it is specifically through the physical body that the soul reaches a more sublime level** than before its descent.

The soul's descent is reflected in the words of **the morning blessings, "The soul that You placed within me, it is pure." "It is pure" refers to the soul as it exists in the World of *Atzilus,* and "You placed it within me" refers to even loftier levels. Neverthe-**

**און אין אַ נידעריקערן אופן:** מֵאַרְצְךָ, מִמּוֹלַדְתְּךָ, מִבֵּית אָבִיךָ - מיינט דאס, בינה, ז"א ונוקבא[ט].

**די דריי אויבן־דערמאנטע מדריגות** אין נשמה זיינען אויך פאראן ווי זיי זיינען אין דעם סדר העולמות: מֵאַרְצְךָ - ווי די נשמה שטייט נאך העכער פון עולם האצילות. מוֹלַדְתְּךָ - ווי די נשמה שטייט אין עולם האצילות, ווארום דער שורש פון אלע נשמות איז אין אצילות[י], וואס אין אצילות בכלל איז מאיר חכמה - דער יו"ד פון דעם שם הוי'[יא]. בֵּית אָבִיךָ איז די נשמה ווי זי קומט אראפ אין עולם הבריאה, וואס דארט לייכט ספירת הבינה[יב], און מלכות דאצילות ווערט כתר דבריאה[יג].

**און דאס זאגט מען צו דער נשמה:** לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ, אז זי זאל אראפגיין פון איר שורש און מקור אין די אלע אויבן־דערמאנטע דרגות, ביז - "אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ" - אנטאן זיך אין אן ערדיש־גשמיות'דיקן גוף, ווייל דווקא אין דעם דאזיקן גשמיות'דיקן קערפער וועט זי צוקומען צו דער העכער עליה.

**אין די ברכות השחר זאגט מען** "נשמה שנתת בי טהורה היא כו' ואתה משמרה בקרבי", "טהורה היא" מיינט די נשמה ווי זי איז אין עולם האצילות, "שנתת בי" איז נאך העכער, און פונדעסטוועגן נידערט

---

15. *Zohar,* Vol. I, p. 77a. See *Likkutei Torah, LeGimmel Parshiyos* beginning of *Parshas Lech Lecha* (reprinted in ***Or HaTorah, Bereishis,*** **Vol. 4, p. 685a ff.**).

16. **See *Likkutei Torah, Shir HaShirim,* the second explanation of the *maamar* entitled *Yonasi,* p. 19a-b.**

17. The *yud* and its *milui* **include the sublime *chochmah* and *binah*** (***Pri Eitz Chayim, shaar hatefillin,* ch. 16, *et al.***) *Milui* is a Kabbalistic methodology in which the name of a letter is spelled out and all of the letters in that name are significant.

18. ***Tikkunei Zohar, tikkun* 6. Note *Tanya,* ch. 39.**

19. ***Torah Or, Parshas VaYeirah,* p. 14a; *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 39b, citing the writings of the *AriZal.***

**less, the soul descends from** these lofty rungs, as the blessing continues: **"You created it" – to the world of *Beriah;* "You formed it" – to the World of *Yetzirah*** ("Formation"); **until "You breathed it into me," into an** actual **physical body.**

**It is specifically through** this ultimate descent, **"You breathed it into me," that** – as the blessing continues – **the soul reaches the level of "You safeguard it within me." The root** of this level **is loftier than the root of "it is pure" and even loftier than** the root of **"You placed it within me." This is evident** from the fact that **one who guards is stronger than those he guards.**

**This is the meaning of** the conclusion of G-d's directive to Avraham to go **"to the land that I will show you": "I"** – i.e., **the Essence** of G-d **Himself – "will show you," for it is specifically here on the physical plane that it is possible to tap the Divine Essence** itself. **As *Tanya,* ch. 4, states, " 'No thought can grasp Him at all,' except when [G-d's] thought is grasped and enclothed in the Torah and its commandments," which are "not in the heavens,"[20] but rather specifically in this physical world.**

זִי פוּן דָארְטְן אַרָאפּ צוּ "בְרָאתָהּ" - עוֹלַם הַבְּרִיאָה, "יְצַרְתָּהּ" - עוֹלַם הַיְצִירָה בִּיז צוּ "נְפַחְתָּהּ בִּי" אִין דֶעם גַשְׁמִיּוּת'דִיקְן גוּף, אוּן דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם "נְפַחְתָּהּ בִּי" דֶערְגְרֵייכְט זִי צוּ "וְאַתָּה מְשַׁמְּרָהּ בְּקִרְבִּי" - וָואס קוּמְט פוּן אַ שֹׁרֶשׁ וָועלְכֶער אִיז נָאךְ הֶעכֶער פוּן "טְהוֹרָה הִיא" אוּן אֲפִילוּ פוּן "שֶׁנָּתַתְּ בִּי", וָוארוּם שׁוֹמֵר (דֶער וָואס הִיט) - אִיז דָאךְ שְׁטַארְקֶער פוּנְם נִשְׁמָר (וָוער עֶס וֶוערְט גֶעהִיט).

אוּן דָאס מֵיינְט "אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ" - וָואס אִיךְ עַצְמוּת (דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער) אַלֵיין וֶועל דִיר וַוייְזְן - וַוייל דַוְקָא דָא לְמַטָּה אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען נֶעמֶען עַצְמוּת, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תַּנְיָא פֶּרֶק ד' אַז לֵית מַחֲשָׁבָה תְּפִיסָא בֵיהּ כִּי אִם כַּאֲשֶׁר תְּפִיסָא וּמִתְלַבֶּשֶׁת בַּתּוֹרָה וּמִצְווֹתֶיהָ (קֵיין מַחֲשָׁבָה קֶען אִים בָּרוּךְ הוּא נִיט בַּאנֶעמֶען סַיְידְן וֶוען זִי וֶוערְט אָנְגֶעטָאן אִין דֶער תּוֹרָה אוּן אִירֶע מִצְווֹת), וָואס זֵיי זַיְינֶען "לֹא בַשָּׁמַיִם"[יד] (נִיט אוֹיפְן הִימְל), נָאר דַוְקָא אִין עוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִי.

## Two Journeys, One Command

**4. After the soul has carried out the** directive of ***Lech lecha mei'artzecha*** **– going forth from your land –** descending **from above to below, departing from all its lofty levels and entering into a physical body, it receives the power to carry out** the command ***Lech lecha mei'artzecha*** **according to the second interpretation** – ascending **from below to above – "to the land I will show you."**

**The evil inclination enters a person first; "its claim came first,"**[21] for it is present in a **child from the moment he emerges from his mother's**

ד. אִיז נָאכְדֶעם וִוי דִי נְשָׁמָה הָאט דוּרְכְגֶעפִירְט דֶעם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ מִלְמַעְלָה לְמַטָּה אוּן זִי אִיז אַרָאפּ פוּן אִירֶע אַלֶע הוֹיכֶע דַרְגוֹת אוּן אִיז אַרַיְין אִין דֶעם גוּף גַשְׁמִי, בַּאקוּמְט זִי דֶעם כֹּחַ דוּרְכְצוּפִירְן דֶעם "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ גו' אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ" לוֹיט דֶעם צְווֵייטְן פֵּירוּשׁ וִוי דָאס אִיז מִלְמַטָּה לְמַעְלָה (פוּן אוּנְטְן אַרוֹיף־צוּ).

דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט דָאךְ אַרַיְין אִין דֶעם מֶענְטשְׁן דֶער עֶרְשְׁטֶער - אַקְדִימָא טַעֲנִיתֵיהּ, מִשָּׁעָה שֶׁנִּנְעַר

20. *Devarim* 30:12, cited in ***Bava Metzia* 59b.**

21. See *Zohar,* Vol. I, p. 179b.

womb.[22] Thus, overcoming it requires strength. Accordingly, when the soul descends here to the earthly plane, it is empowered to be able to go forth:

*mei'artzecha* (**מארצך**), which shares the root letters of *ratzah* (**רצה**) "will"[23] – from the desires of the animal soul

"from your birthplace" – from the fundamental assumptions which stem from a natural, worldly mindset and worldly character traits

"and from your father's house" – from the tendencies derived from improper education and habit[24]

The soul is charged *Lech lecha,* "Go forth," from all these undesirable matters and proceed *el ha'aretz asher areka,* "to the land that I will show you," to the synagogue and study hall, where the desires of the G-dly soul reign. This will nullify the natural worldly desires, the assumptions of the natural worldly intellect, and the natural worldly character traits and habits of the animal soul.

לָצֵאת מִמְּעֵי אִמּוֹ[טו] (פוּן דֶער מִינוּט וָואס דָאס קִינְד גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶער מוּטֶערְס טְרַאכְט). דַארְף מֶען דָאךְ הָאבְּן כֹּחוֹת צוּ שְׁטַארְקְן זִיךְ אִיבֶּער אִים. אִיז בְּשַׁעַת דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ דָא לְמַטָּה, גִיט מֶען אִיר דֶעם דָאזִיקְן כֹּחַ זִי זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין "מֵאַרְצְךָ" - לְשׁוֹן רָצָה[טז] - פוּן דִי רְצוֹנוֹת פוּן נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית. וּמִמּוֹלַדְתְּךָ - פוּן זַיְינֶע הַנָּחוֹת וָועלְכֶע נֶעמֶען זִיךְ פוּן דֶעם נַאטוּר־וֶועלְטְלֶעכְן שֵׂכֶל אוּן פוּן זַיְינֶע וֶועלְטְלֶעכֶע מִדּוֹת. וּמִבֵּית אָבִיךָ - פוּן אַזֶעלְכֶע עִנְיָנִים וָועלְכֶע נֶעמֶען זִיךְ בַּיי אִים פוּן דִי נִיט גֶעהֶערִיקֶע דֶערְצִיאוּנְג אוּן גֶעוואוֹינְהַיְיט[יז] - אִיז אָט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן זָאל עֶר אַרוֹיסְגֵיין, אוּן זָאל גֵיין - "אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ" - אִין שׁוּל אוּן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וָואס דָארְטְן הֶערְשְׁן דִי רְצוֹנוֹת פוּן נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית, אוּן דָאס וֶועט מְבַטֵּל זַיְין דִי נַאטִירְלֶעךְ־וֶועלְטְלֶעכֶע רְצוֹנוֹת, דִי הַנָּחוֹת פוּן דֶעם נַאטוּר־וֶועלְטְלֶעכְן שֵׂכֶל אוּן דִי נַאטוּר־וֶועלְטְלֶעכֶע מִדּוֹת אוּן גֶעוָוארְנְהַיְיטְן פוּן נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית.

## A Loftier Challenge

**5.** After the soul has carried out this stage of its Divine service – going out from the land, birthplace, and father's house of the animal soul – a higher level of service is demanded of it: to go forth from the land, birthplace, and father's house even of the G-dly soul.

The soul is charged with departing: "from your land" – from the inherent desires of the G-dly soul; "from your birthplace" – from the wisdom

ה. נָאכְדֶעם ווִי דִי נְשָׁמָה הָאט דוּרְכְגֶעטָאן דֶעם דָאזִיקְן עִנְיָן אִין עֲבוֹדָה - זִי אִיז אַרוֹיס פוּן דֶעם אַרְצְךָ, מוֹלַדְתְּךָ אוּן בֵּית אָבִיךָ פוּן דֶעם נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, מָאנְט מֶען בַּיי אִיר אַ הֶעכֶערֶע עֲבוֹדָה - אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם אַרְצְךָ, מוֹלַדְתְּךָ אוּן בֵּית אָבִיךָ, אֲפִילוּ פוּן דֶעם נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית.

מֵאַרְצְךָ - פוּן דִי רְצוֹנוֹת פוּן נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית, מִמּוֹלַדְתְּךָ - פוּן חָכְמָה פוּן

22. *Bereishis Rabbah* 34:10.

23. Ibid. 5:8.

24. Note the end of the *maamar* entitled *Lech Lecha,* 5667, in the series of *maamarim* entitled *Yom Tov shel Rosh HaShanah, 5666.*

**of the G-dly soul; "and from your father's house" – from the contemplation of holiness.** It must proceed **"to the land that I will show you," attaining a level that transcends reason and knowledge.** This level is identified with **the underlying foundation and the vision of wisdom,** which reflects **the inner dimension of *Abba* ("Supernal Father")[25] – a level that transcends intellect, even the intellect associated with *chochmah*.**

נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית, וּמִבֵּית אָבִיךָ - פוּן הִתְבּוֹנְנוּת פוּן קְדוּשָּׁה - אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ - צוּקוּמֶען צוּ אַ מַדְרֵיגָה וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן טַעַם וָדַעַת, צוּ דֶער הַנָּחָה און צוּ דֶער רְאִיָּה פוּן חָכְמָה - פְּנִימִיּוּת אַבָּא - וָואס דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן שֵׂכֶל, אֲפִילוּ פוּן שֵׂכֶל דְּחָכְמָה.

(משיחת י"ג תמוז תשי"ד)

---

25. *Abba,* "the father," refers to the *sefirah* of *chochmah*. The inner dimension of *Abba* refers to a level within *chochmah* that transcends the limits of conscious conception and is identified with the inner dimension of *kesser.*

---

א) אבות פרק ה משנה ג.
ב) זע תורה אור ריש פרשה לך יא, א. תורת חיים שם ובכמה מקומות.
ג) אבות פרק ד משנה כב.
ד) זע זהר חלק ג כט, ב.
ה) שבועות תרצ"ד אות יז און ווייטער. לקוטי דיבורים עמוד קסט.
ו) לקוטי תורה ויקרא מא, א. און נאָך.
ז) לקוטי תורה ויקרא כד, א. במדבר יב, א. און נאָך. דרך מצותיך דף צט.
ח) תניא פרק ג. תורת חיים בראשית ד"ה וייצר אות נא.
ט) זהר ח"א עז, א. זע לקוטי תורה לג' פרשיות (אור התורה לך (כרך ד) תרפה, א ואילך).
י) זע לקוטי תורה שיר השירים ביאור השני לד"ה יונתי יט, א.
יא) הכולל חכמה ובינה עילאין (פרי עץ חיים שער התפלין פט"ז ובכמה מקומות).
יב) תיקוני זהר תקון ו ועיין בתניא פל"ט.
יג) תורה אור פרשת וירא דף יד, א. לקוטי תורה שלח לט, ב; אין נאָמען פון כתבי האריז"ל.
יד) בבא מציעא נט, ב.
טו) בראשית רבה פרשה לד, יו"ד.
טז) בראשית רבה פרשה ה, ח.
יז) להעיר גם מסוף ד"ה לך לך תרס"ז (בהמשך תרס"ו).

# LECH LECHA II | לך לך ב

Adapted from a *sichah* delivered on *6 Marcheshvan,* 5718 [1957]

## Introduction

In the *sichah* that follows, the Rebbe compares Avraham's two sons, Yishmael and Yitzchak. From the contrast between them, he derives lessons fundamental to parenting, explaining that the greatest *nachas,* satisfaction, parents derive from their children is seeing them continue their legacy – that their children conduct themselves in a manner that reflects their own principles and values. They want *Yiddishe nachas:* for their children to grow up with Judaism ingrained in their personalities and that it guide them, particularly at the turning points of their lives.

The Rebbe outlines the basis for the educational approach that will lead a child to such a path. From the time a Jewish child is born, he should be trained to appreciate the miraculous heritage of our people, how our bond with G-d is unlimited by nature and characterized by a commitment that transcends logic.[1]

A child must be raised with a commitment to Judaism that is not bound by his mind or logic. Developing that thrust:

> One should never think that a child's education should begin with a watered-down approach to Judaism and that later, as the child grows older, he will be given more….
>
> From his earliest years, a child should be taught and given the understanding that the Jewish people as a whole – and every Jew as an individual – depends neither on nature nor its calculations and boundaries.

The Rebbe promises that "a child raised in this spirit will bring his parents and his people true *nachas,* both spiritually and materially."

---

1. See *Selections from Likkutei Sichos, Bereishis,* p. 165ff., where the Rebbe develops similar concepts from a different vantage point.

# The Foundation of the Jewish People

## Living Each Week with the *Parshah* as Our Guide

1. **My revered father-in-law,** the Rebbe Rayatz, **often** reminded us **that each and every Jew is** inherently **connected to the Torah. As such,** since **the Torah is divided into weekly portions, each week's *parshah* provides us with the guidance needed to relate to the events of that particular week.**

א. דֶער רֶבִּי דֶער שְׁווֶער הָאט פִּיל מָאל גֶערֶעדט וועגְן דֶעם, אַז אַ אִיד אִיז פַאַרְבּוּנְדְן מִיט תּוֹרָה, אוּן דָאס וואָס תּוֹרָה אִיז אַיְינְגֶעטֵיילְט אִין בַּאזוּנְדֶערֶע סֶדְרוֹת, מֵיינְט דָאס אַז פוּן דֶער סֶדְרָה וואָס מֶען לֵייעֶנְט יֶעדֶע וואָך, קֶען מֶען נֶעמֶען אָנְווַיְיזוּנְגֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין דִי גֶעשֶׁעעֶנִישְׁן ווֶעלְכֶע קוּמֶען פָאר אִין דֶער ווָאךְ.

## A Father's Highest Hope

2. Among **the central events of this week's *parshah* are the stories of the births of** Avraham's sons, **Yishmael and Yitzchak.**

Their births carry a universal message, because **every parent hopes** and prays **that their children will continue their legacy.** Thus, we can learn an important lesson from the stories **this week's Torah reading** relates about **the two children G-d gave Avraham, first Yishmael and then Yitzchak.**

Thirteen years **after Yishmael's birth, G-d promised Avraham that Yitzchak would be born.** In response to G-d's promise that he would father another child, **Avraham replied,**[1] **"May it be that** [at least] **Yishmael live in Your presence." It's clear that** Avraham **would have been satisfied even if Yitzchak were not to have been born as long as Yishmael would "live in G-d's presence,"**

ב. דֶער אִינְהַאלְט פוּן דֶער הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה אִיז, דֶער סִיפּוּר וועגְן דֶעם גֶעבּוּרְט פוּן יִשְׁמָעֵאל'ן אוּן יִצְחָק'ן.

מֶענְטשְׁן הָאפְן דָאךְ אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער ווֶעלְן פָארְזֶעצְן זֵייעֶרֶע עִנְיָנִים. דֶערְצֵיילְט דִי סֶדְרָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַבְרָהָם'עֶן צְווֵיי קִינְדֶער - פְּרִיעֶר יִשְׁמָעֵאל אוּן דֶערְנָאךְ יִצְחָק.

בְּשַׁעַת דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַבְרָהָם'עֶן אַז בַּיי אִים ווֶעט גֶעבָּארְן ווֶערְן יִצְחָק, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט יִשְׁמָעֵאל'ן. הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעזָאגְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: לוּ יִשְׁמָעֵאל יִחְיֶה לְפָנֶיךָ (הַלְוַאי זָאל כָאטשׁ יִשְׁמָעֵאל לֶעבְּן פַאר דִיר). דָאס הֵייסְט אַז עֶר וואָלְט גֶעווֶען צוּפְרִידְן אֲפִילוּ אוֹיבּ יִצְחָק ווֶעט נִיט גֶעבָּארְן ווֶערְן, אַבִּי אַז יִשְׁמָעֵאל ווֶעט לֶעבְּן לְפָנֶיךָ, ווֶעט זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי מֶען דַארְף אוּן

---

1. *Bereishis* 17:18.

in other words, that his oldest son **would live a virtuous life and follow in G-d's paths.**[2]

G-d agreed to Avraham's request, promising,[3] **"I will heed you regarding Yishmael."** Nevertheless, although He assured Avraham that Yishmael **would bring him *nachas*, a parent's satisfaction, G-d informed Avraham that he should not be content with that alone. Instead,** He promised Avraham that **he would father Yitzchak and** told him, **"Your progeny will be called after Yitzchak,"**[4] letting him know that it would be Yitzchak – and not Yishmael – **who would** ultimately **provide him with true *nachas*.**

עֶר וועט גֵיין אִין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס דְּרָכִים"[יח].

אוֹיף דֶעם הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: נֵיין, בַּיי דִיר וועט דַוְקָא גֶעבָּארְן ווערְן יִצְחָק, דָאס אִיז דַיין אֱמֶת'ער נַחַת. דָאס וָואס דוּ בֶּעטְסְט ווֶעגְן יִשְׁמָעֵאל'ן, אִיז "וּלְיִשְׁמָעֵאל שְׁמַעְתִּיךָ - פוּן אִים ווֶעסְטוּ אוֹיךְ הָאבְּן נַחַת, אָבֶּער נִיט דֶערְמִיט קֶענְסְטוּ זִיךְ בַּאנוּגֶענֶען, נָאר דַוְקָא "בְּיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע".

## Dare to Envision an Even Higher Good

3. G-d revealed these prophecies to **Avraham when he was 99 years old.** By then, **he'd already served G-d for decades and had undergone numerous trials** of faith. **Certainly,** after living a G-dly life for so many years, **he had gained a genuine understanding of what deriving satisfaction from children really means. When he asked of G-d, "May it be that Yishmael live in Your presence," his intention was that Yishmael would follow the way** of life **that Avraham would teach him. In this way, Avraham would derive genuine satisfaction from him in a manner that he would appreciate. Nevertheless, G-d told** Avraham that he needed to set his sights higher and understand that **it would be Yitzchak** – and not Yishmael – **from whom he would derive true satisfaction, true *nachas*.**

Yishmael grew up with positive moral values. Aside from Avraham's influence, **his mother, Hagar, was a G-d-fearing woman, as the Midrash points out.**[5] **Indeed, her conduct was so virtuous that she was later given the name Keturah, connecting her to one of the services in the *Beis HaMikdash*,**

ג. אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דַאן אַלְט גֶעווֶען 99 יָאר. צֶענְדְלִיקֶער יָארְן הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ סַךְ נִסְיוֹנוֹת. אִיז דָאךְ פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט דֶעם אֱמֶת'ן בַּאגְרִיף וָואס עֶס מֵיינְט נַחַת פוּן קִינְדֶער. ווֶען עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן "לוּ יִשְׁמָעֵאל יִחְיֶה לְפָנֶיךָ" הָאט עֶר דָאךְ גֶעמֵיינְט אַז יִשְׁמָעֵאל זָאל גֵיין אִין דִי ווֶעגְן ווֶעלְכֶע עֶר - אַבְרָהָם - ווֶעט אִים אָנְווַיְיזְן, בִּיז עֶר ווֶעט קֶענֶען הָאבְּן פוּן אִים אַזַא נַחַת לוֹיט דֶעם בַּאגְרִיף ווִי אַבְרָהָם אָבִינוּ פַארְשְׁטֵייט. אוּן פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן זָאגְט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז נָאךְ אַלֶעם דֶעם אִיז דַיין אֱמֶת'ן נַחַת ווֶעסְטוּ הָאבְּן פוּן יִצְחָק'ן דַוְקָא.

יִשְׁמָעֵאל'ס מַאמֶע, הָגָר, דֶערְצֵיילְט דֶער מִדְרָשׁ[יט], אִיז גֶעווֶען זֵייעֶר אַ פְרוּמֶע. אוֹיף אַזוֹי ווַיְיט, אַז אִירֶע אוֹיפְפִירוּנְגֶען הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעפַּאסְט צוּ דֶער עֲבוֹדָה פוּן בֵּית

2. **See *Rashi*,** who interprets *yichyeh lefanecha,* translated as "live in Your presence," **as "live in fear of You."**

3. *Ibid*., vs. 20.

4. *Ibid.* 21:12.

5. *Bereishis Rabbah* 61:4.

the *ketores* (incense) offering.[6] **She demonstrated *mesiras nefesh*, genuine self-sacrifice,** to follow Avraham's path of life. **As our Sages relate,[7] Hagar was the daughter of Pharaoh, the King of Egypt, the ruler of one of the most powerful civilizations of that era. Nevertheless, she left the royal palace to become Sarah's maid-servant so that she could be part of Avraham's household. Obviously, she raised her son Yishmael to follow in this path.**

**On this basis, we can understand why Avraham was willing to content himself with Yishmael, hoping that he would be the source of ample and complete satisfaction. This, however, makes it even more puzzling that G-d clearly told him** not to be satisfied with Yishmael, but instead **that "your progeny will be called after Yitzchak."**

הַמִּקְדָּשׁ, און דֶערְפַאר וֶוערְט זִי אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען קְטוּרָה[כ].

זִי הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי חֲכָמֵינוּ זַ"ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז[כא], אַז הָגָר אִיז גֶעוֶוען דִי טָאכְטֶער פוּן פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם - אַ קֵייסֶער אִין אֵיינֶער פוּן דִי מֶעכְטִיקְסְטֶע מְלוּכוֹת אִין יֶענֶער צַייט - און פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן הָאט זִי אַיינְגֶעווילִיקְט אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן דֶעם קֶענִיגְלֶעכְן פַּאלַאץ און ווֶערְן אַ דִינְסְט בַּיי שָׂרָה'ן, אַבִּי צוּ זַיין בַּיי אַבְרָהָם'ֶען אִין הוֹיז.

אִיז דָאךְ פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז אוֹיךְ אִיר זוּן יִשְׁמָעֵאל'ן הָאט זִי דֶערְצוֹיגְן אִין דֶעם וֶועג.

דָאס אַלְץ גִיט אוּנְז מֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אַבְרָהָם הָאט זִיךְ גֶעווָאלְט בַּאנוּגֶענֶען מִיט יִשְׁמָעֵאל'ן אַלֵיין, הָאפְנְדִיק אַז עֶר וֶועט פוּן אִים הָאבְּן פוּלְקָאמֶען נַחַת. פוּן דֶער צְווֵייטֶער זַייט אָבֶער, אִיז לוֹיט דֶעם, נָאךְ שְׁווֶערֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז דַוְקָא בְּיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע.

## Making Up One's Mind and Going Beyond One's Mind

**4. The difference between Yishmael and Yitzchak** can be explained as follows: **Yishmael was born in a natural manner, not through a miracle. Yitzchak, on the other hand, was born through a miracle. According to the laws of nature, it was impossible for Avraham and Sarah to have a child at their** extremely advanced **ages. Nobody could believe that such a thing could happen. Even Avraham himself did not believe that he was worthy of being shown such a miracle by G-d.**

**Another contrast** reflecting the fundamental difference **between Yishmael and**

ד. דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן יִשְׁמָעֵאל'ן מִיט יִצְחָק'ן אִיז גֶעוֶוען: יִשְׁמָעֵאל'ס גֶעבּוּרְט אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ נַאטִירְלֶעכְן אוֹפֶן, נִיט דוּרְךְ נִסִּים, אָבֶער יִצְחָק'ס גֶעבּוּרְט אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ נִסִּים. אוֹיף אַ נַאטִירְלֶעכְן אוֹפֶן אִיז אוּמְמֶעגְלֶעךְ גֶעוֶוען אַז אַבְרָהָם און שָׂרָה זָאלְן, אִין זֵייעֶר עֶלְטֶער, הָאבְּן אַ קִינְד. קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעגְלוֹיבְּט אַז עֶס קֶען פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ, און אֲפִילוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ אַלֵיין הָאט אוֹיךְ נִיט גֶעגְלוֹיבְּט אַז עֶר אִיז ווֶערְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים ווַייזְן אַזֶעלְכֶע נִסִּים.

צוּלִיבּ דֶעם אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען נָאךְ אַן אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן יִשְׁמָעֵאל'ן מִיט יִצְחָק'ן

---

6. *Midrash Tanchuma, Parshas Chayei Sarah,* sec. 8. "Why is she called 'Keturah'? Because her deeds were as pleasant as the incense offering (*Ketores*)."

7. *Bereishis Rabbah* 45:1.

Yitzchak concerns their circumcisions, the only *mitzvah* through which a bond could be established with G-d before the Giving of the Torah. Yishmael was circumcised at the age of thirteen. At thirteen, a child gains intellectual maturity. For that reason, he becomes obligated in the observance of the *mitzvos,*[8] since by that age we can reasonably assume that he is capable of handling himself responsibly. Yishmael's willingness to undergo circumcision at this age demonstrates that he made a concious decision to connect to G-d.

By contrast, Yitzchak underwent circumcision when he was but eight days old. At that age, a baby cannot be asked for his consent. Nevertheless, Yitzchak was brought into a powerful bond with G-d while still a tiny infant. Such a connection can never be severed or erased. It is, in the words of the Torah,[9] "an eternal covenant."

- דֶער עִנְיָן פוּן בְּרִית מִילָה, דִי אֵיינְצִיקֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה, דוּרְךְ וועֶלְכֶער מֶען הָאט דַאן (פַאר מַתַּן תּוֹרָה) גֶעהַאט אַ פַארְבּוּנְד מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

יִשְׁמָעֵאל הָאט זִיךְ גֶע׳מַל׳ט צוּ דְרַייְצְן יָאר. בְּשַׁעַת מֶען ווערְט אַלְט דְרַייצְן יָאר וועֶרְט מֶען אַ בַּר שֵׂכֶל, דֶערְפַאר ווערְט מֶען דֶעמָאלְט מְחֻיָּב אִין מִצְווֹת[כב] וַוייל מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין דַאן פַארְלָאזְן אוֹיף דֶעם מֶענְטשְׁנְס אוֹיפְפִירוּנְג. אִיז מִיט זַיין שֵׂכֶל הָאט יִשְׁמָעֵאל מַסְכִּים גֶעוועֶן צוּ פַארְבִּינְדְן זִיךְ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן - הָאט עֶר זִיךְ דַאן גֶע׳מַל׳ט.

יִצְחָק׳ן הָאט מֶען גֶע׳מַל׳ט ווֶען עֶר אִיז אַלְט גֶעוועֶן אַכְט טֶעג. בַּיי אַ קִינְד פוּן אַכְט טֶעג אִיז נִיט שַׁייָךְ צוּ פְרֶעגְן. אוּן פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן הָאט מֶען אִים נָאךְ זַייעֶנְדִיק אַ קִינְד פַארְבּוּנְדְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט אַזַא סָארְט פַארְבּוּנְד וָואס מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִיט אָפְּווִישְׁן אוּן אָפְּמֶעקְן - אַן אֵייבִּיקֶער פַארְבּוּנְד, "בְּרִית עוֹלָם" - ווִי דֶער פָּסוּק רוּפְט עֶס אָן.

## Nature and Transcendence

5. The two differences between Yitzchak and Yishmael mentioned above: a) that Yitzchak's birth was supernatural and miraculous, while Yishmael's birth was natural, and b) that Yitzchak's connection with G-d transcended intellect, while Yishmael's connection was based on his mind, enables us to understand why the true *nachas* (satisfaction) that Avraham would derive would be specifically from Yitzchak.

When a child is born, he grows up under the watchful eyes of his parents, who do their best to protect him from even the slightest draft. He is educated, trained from

ה. אִיז לוֹיט דִי אוֹיבְּן־דֶערְמָאנְטֶע צְווֵיי אוּנְטֶערְשֵׁיידְן צְווִישְׁן יִשְׁמָעֵאל׳ן אוּן יִצְחָק׳ן: א) יִצְחָק׳ס אִיבֶּערְנַאטִירְלֶעכֶער, נִסִּים׳דִיקֶער גֶעבּוּרְט אִין קֶעגְנְזַאץ צוּ יִשְׁמָעֵאל׳ס נַאטִירְלֶעכְן גֶעבּוּרְט, אוּן ב) יִצְחָק׳ס פַארְבּוּנְד מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַן אוֹפֶן וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן שֵׂכֶל, בְּשַׁעַת יִשְׁמָעֵאל׳ס פַארְבּוּנְד אִיז גֶעוועֶן עַל פִּי שֵׂכֶל - ווֶעט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ׳ס אֱמֶת׳עֶר נַחַת אִיז דַוְקָא פוּן יִצְחָק׳ן.

אַ קִינְד ווערְט גֶעבּוֹירְן אוּן וַואקְסְט אוֹיס אוּנְטֶער דֶער הַשְׁגָּחָה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אוֹיסְגֶעהִיט פוּן יֶעדְן ווִינְטְל, מֶען דֶערְצִיט אִים עֶר זָאל הָאבְּן דֶעם רִיכְטִיקְן פַארְשְׁטַאנְד,

---

8. *Avos* 5:21. See ***Kuntreis HaTefilah,*** sec. 5.

9. *Bereishis* 17:13, *et al.*

his earliest years to develop **a proper understanding and outlook** that **will lead him to connect with G-d.**

**This was the path of Yishmael. Raised in Avraham's household, thanks to the upbringing he received, Yishmael developed the proper understanding that he must connect with G-d** and therefore made the decision to undergo circumcision.

**However,** being raised in such a way **does not guarantee** that a person's bond and connection with G-d will endure. When **a child's entire** connection with **Judaism stems only from the mind, from his understanding, there is no way to know what will happen when he is confronted with disruptions in his life.**[10] **In addition, even before** such a person **is confronted with challenges, it is impossible to know how deep his commitment to Judaism** is and what it **will be** in the future. Will he devote himself **fully and completely, or** will his commitment be **measured,** extending only **as far as it coexists with his understanding?**

**For this reason, even in the instance of Yishmael, when the question of** Avraham's **inheritance arose,**[11] **Yishmael** acted in a manner completely inconsistent with his upbringing, to the degree that he **could no longer remain in Avraham's household.** That's when **G-d told Avraham to banish** Yishmael **because "your progeny will be called after Yitzchak."**[12]

With this statement, **G-d was underscoring the fact that when it comes to establishing** the bedrock on which is based **the future of the Jewish people, one cannot adopt an approach that is bound by the limits of nature, for the entire existence of the Jewish people transcends nature. From the time a Jew is born,** his life **begins with** and continues to

אוּן מִצַד זַיְין רִיכְטִיקְן פַארְשְׁטַאנְד פַארְבִּינְדט עֶר זִיךְ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דֶער דֶּרֶךְ פוּן יִשְׁמָעֵאל'ן. עֶר הָאט זִיךְ גֶעהָאדֶעוֶועט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ אִין הוֹיז, אִיז מִצַד דֶער דֶערְצִיאוּנְג וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען, הָאט עֶר גֶעהַאט דֶעם רִיכְטִיקְן שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער קֵיין זִיכֶערְקַיְיט אִין דֶעם הָאט מֶען נִיט, ווַיְיל דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקַיְיט נֶעמְט זִיךְ בְּלוֹיז פוּן שֵׂכֶל, פוּן פַארְשְׁטַאנְד, קֶען מֶען נִיט וִויסְן וָואס עֶס וֶועט זַיְין אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַ וֶועלְכֶע סְ'אִיז עֶנְדֶערוּנְג אִין זַיְין לֶעבְן. נָאךְ מֶער: אֲפִילוּ אֵיידֶער עֶס קוּמְט נָאךְ דִי עֶנְדֶערוּנְג, קֶען מֶען אוֹיךְ נִיט וִויסְן אוֹיף וִוי וַוייט עֶס וֶועט זַיְין בַּיי אִים אִידִישְׁקַיְיט, אוֹיף דֶער גַאנְצֶער פוּלֶער מָאס אָדֶער בְּלוֹיז בַּאגְרֶענֶעצְט לוֹיט דֶער אַיְינְשְׁטִימוּנְג פוּן זַיְין פַארְשְׁטַאנְד.

אוּן דֶערְפַאר אִיז אוֹיךְ בַּיי יִשְׁמָעֵאל'ן - וֶוען עֶס הָאט נָאר אָנְגֶערִירְט זַיְין יְרוּשָׁה[כג], הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִיט גֶעקֶענְט הַאלְטְן בַּיי אַבְרָהָם'עֶן אִין הוֹיז, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אִים אַרוֹיסְטְרַייבְן, וָוארוּם - "בְּיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע"[כד].

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעדַיְיט: בְּשַׁעַת מֶען גֵייט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, קֶען מֶען נִיט צוּגֵיין דֶערְצוּ לוֹיט דֶער מָאס פוּן נַאטוּר. דֶער גַאנְצֶער קִיּוּם אוּן עִנְיָן פוּן אִידְן אִיז הֶעכֶער פוּן נַאטוּר. בַּיי אִידְן אִיז בַּאלְד פוּן גֶעבּוּרְט אָן, הוֹיבְּט מֶען אָן מִיט

---

10. Indeed, we see that Yishmael's connection with G-d and pursuit of a moral life ebbed and flowed.

11. ***Tosefta, Sotah* 6:3.** See also *Rashi, Bereishis* 21:10.

12. ***Bereishis* 21:12. See *Targum* *Yonasan* to this verse,** which emphasizes that the designation of Yitzchak as Avraham's heir excluded Yishmael.

reflect **miracles, without restriction by nature's** limitations.

**G-d was telling Avraham: True Jewish *nachas* can only come from a child whose very birth and entire life from that moment on follows a G-dly pattern. As soon as he is eight days old, i.e., at the very first opportunity, he is brought into a bond with G-d, becoming part of "an eternal covenant."** The child **has no understanding of this and he cannot be asked** if he approves. It is precisely this approach that serves as the basis of a Jew's covenant with G-d.

**For such a child,** commitment to **Judaism will not be merely intellectual.** Instead his bond with G-d wil be based on **self-sacrifice. Such a child will provide** his parents **with true Jewish *nachas*.**

נִסִים, נִיט רֶעכֶענֶענְדִיק זִיךְ מִיט נַאטוּר.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ אַבְרָהָם'עֶן: דֶעם אֶמֶת'ן אִידִישְׁן נַחַת קֶען מֶען הָאבְּן דַוְקָא פוּן אַזַא קִינְד וָואס זַיְין גֶעבּוּרְט אוּן זַיְין גַאנְצֶער לֶעבְּן בַּאלְד פוּן גֶעבּוּרְט אָן אִיז אוֹיף אַ גֶ-טְלֶעכְן אוֹפֶן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַ קִינְד פוּן קוֹים אַכְט טֶעג - דָאס הֵייסְט בַּאלְד ווִי עֶס אִיז פַּארַאן דִי עֶרְשְׁטֶע מֶעגְלֶעכְקַיְיט דֶערְצוּ - פַּארְבִּינְדט מֶען אִים מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט אַ בְּרִית עוֹלָם - אַן אֵייבִּיקְן פַּארְבּוּנְד, כָאטשׁ עֶר פַּארְשְׁטֵייט נָאךְ גָארְנִיט אוּן מֶען קֶען נָאךְ בַּיי אִים נִיט פְּרֶעגְן.

בַּיי אַזַא קִינְד וֶועט דִי אִידִישְׁקַיְיט זַיְין נִיט בְּלוֹיז לוֹיט זַיְין שֵׂכֶל, נָאר מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן מֶען וֶועט פוּן אִים הָאבְּן דֶעם אֶמֶת'ן אִידִישְׁן נַחַת.

## A Lesson for All Time

**6. The Torah is not a history book, Heaven forbid. The Torah is eternal. This is obvious from the fact that every year, we begin reading the Torah anew from *Bereishis*. This reminds us that the Torah's teachings are lessons applicable at all times and in all places, instructing a Jew as to how to conduct himself at home, in his business, and in his community.**

**This also applies to the stories found in this Torah reading. They give us the guidance we need to live our lives in every respect and, in particular, in our approach to Jewish education which is of such crucial importance.**

ו. תּוֹרָה אִיז נִיט חַס וְשָׁלוֹם קֵיין "הִיסְטָארְיֶע-בּוּךְ", תּוֹרָה אִיז אֵייבִּיק. דִי רַאְיָה אִיז פוּן דֶעם וָואס יֶעדְן יָאר הוֹיבְּט מֶען אָן נָאכַאמָאל צוּ לֵייעֶנֶען דִי תּוֹרָה פוּן בְּרֵאשִׁית. דָאס הֵייסְט אַז דָאס וָואס דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז, זַיְינֶען דָאס אָנְוַוְיְיזוּנְגֶען אִין יֶעדֶער צַיְיט אוּן אִין יֶעדְן אָרְט, ווִי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן בַּיי זִיךְ אִין הוֹיז, אִין גֶעזֶעלְשַׁאפְט אוּן אִין דֶער קְהִלָּה.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דִי דֶערְצֵיילוּנְג פוּן דֶער דָאזִיקֶער סֶדְרָה אַן אָנְוַוְיְיזוּנְג אִין לֶעבְּן בִּכְלַל אוּן אִין אִידִישֶׁער דֶערְצִיאוּנְג בִּפְרַט, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר-פּוּנְקְט.

## What Each Child Needs to Know

**7. There are some who think that the process of a child's education and upbringing** should be undertaken slowly. They argue that

ז. פַּארַאן אַזֶעלְכֶע וָואס מֵיינֶען אַז דֶער סֵדֶר אִין דֶערְצִיאוּנְג דַארְף זַיְין צוּ וַוארְטְן

**one should wait until the child is old enough to understand on his own the best way to conduct himself. Since we are talking about a descendant of Avraham, Yitzchak, and Yaakov,** there is reason to **hope that he will attain a proper appreciation of Judaism on his own.**

**This week's Torah reading,** however, **provides a clear lesson** that powerfully refutes this approach. **If someone is guided by human intellect alone, no matter how hard he tries,** he is bound to fall short. **Intellect is not the way to connect to G-d.** A true connection to Him **is only possible through self-sacrifice.**

בִּיז דָאס קִינְד ווֶעט אוֹיסְוואַקְסְן אוּן ווֶעט אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין מִיט זַיְין שֵׂכֶל ווִי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן, הָאפְּנְדִיק אַז ווִיבַּאלְד דָאס זַיְינֶען דָאךְ בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב ווֶעלְן זֵיי אַלֵיין צוּקוּמֶען צוּם בַּאגְרִיף פוּן אִידִישְׁקַיְיט.

הָאבְּן מִיר אַן אָנְווַיְיזוּנְג אִין דֶער דָאזִיקֶער סֶדְרָה: אוֹיבּ מֶען זָאל גֵיין לוֹיטְן מֶענְטשְׁלֶעכְן שֵׂכֶל, אִיז ווִיפְל מֶען זָאל זִיךְ נִיט אָנְשְׁטְרֶענְגֶען, אִיז נִיט שֵׂכֶל אִיז דֶער ווֶעג אוֹיף צוּ פַארְבִּינְדְן זִיךְ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. דֶער ווֶעג דֶערְצוּ אִיז דַוְקָא מְסִירַת נֶפֶשׁ.

## Undiluted Holiness

8. Following the reasoning above, **one should never think that a child's** education should begin **with a watered-down approach to Judaism and that later, as the child grows older, he will be given more.**

**That would make sense if we were speaking about something dependent only on logic and intellectual thought. However, Jews stand** ***above*** **nature** and any and all **calculations** and conclusions based on it. **Our Torah reading teaches us that** the basis of a **Jew's education** needs to be established right from the start. **When a child is only eight days old, he is ready to be given the strongest measure of Judaism.** Already then **he is connected to G-d with an eternal bond, a connection that will last not just for a year, nor for 10 or 20 years, but for all time.**

ח. אוֹיךְ אִיז דִי הוֹרָאָה פוּן דֶעם: מֶען זָאל נִיט מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף אַ קִינְד גֶעבְּן אַ "פַארְוואַסֶערְטֶע" אִידִישְׁקַיְיט אוּן דֶערְנָאךְ, אַז עֶר ווֶעט ווֶערְן עֶלְטֶער, ווֶעט מֶען אִים גֶעבְּן מֶער.

דָאס ווָאלְט גֶעווֶען רִיכְטִיק ווֶען עֶס ווָאלְט זִיךְ גֶעהַאנְדְלְט ווֶעגְן אַ זַאךְ ווָאס אִיז אָפְּהֶענְגִיק אוֹיסְשְׁלִיסְלֶעךְ אִין פַארְשְׁטַאנְד אוּן חֶשְׁבּוֹנוֹת.

בַּיי אִידְן, ווֶעלְכֶע זַיְינֶען הֶעכֶער פוּן נַאטוּר־חֶשְׁבּוֹנוֹת, הָאבְּן מִיר דִי אָנְווַיְיזוּנְג פוּן דֶער פְרִיעֶרְדִיקֶער תּוֹרָה־ דֶערְצֵיילוּנְג, אַז בַּיי אִידִישֶׁער דֶערְצִיאוּנְג אִיז דֶער סֵדֶר, אַז ווֶען דָאס קִינְד אִיז בְּלוֹיז אַכְט טֶעג אַלְט, דַארְף מֶען אִים שׁוֹין גֶעבְּן דִי שְׁטַארְקְסְטֶע מָאס פוּן אִידִישְׁקַיְיט, מֶען דַארְף אִים שׁוֹין פַארְבִּינְדְן מִיט אַן אֵייבִּיקְן פַארְבּוּנְד, נִיט נָאר אוֹיף אַ יָאר, אוֹיף צֶען אָדֶער צְוואַנְצִיק יָאר, נָאר מִיט אַ בְּרִית עוֹלָם.

## A People That Stands above Nature

9. **What does giving a child the strongest measure of Judaism mean** on a personal level?

ט. ווָאס מֵיינְט דָאס אַז אוֹיךְ קִינְדֶער דַארְף מֶען גֶעבְּן דִי שְׁטַארְקְסְטֶע מָאס אִידִישְׁקַיְיט?

מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן אוּן דֶערְקְלֶערְן דֶער יוּגְנְט, בַּאלְד פוּן קִינְדְוַויְיז אָן, אַז דֶער אִידִישֶׁער פָאלְק בִּכְלָל, וּבְמֵילָא אוֹיךְ יֶעדֶער אִיד בִּפְרַט, אִיז נִיט פַארְבּוּנְדְן מִיט נַאטוּר־חֶשְׁבּוֹנוֹת.

מֶען דַארְף זָאגְן צוּ דֶער יוּגְנְט, אַז מֶען דַארְף אָפְּלֵייגְן חֶשְׁבּוֹנוֹת אָן אַ זַיְיט. דֶער וָואס שְׁטַאמְט פוּן אַ פָאלְק וָועלְכֶער אִיז פוּן סַאמֶע גֶעבּוּרְט אָן נִיט גֶעבּוֹיט אוֹיף אַ נַאטִירְלֶעכְן אוֹפֶן, אֵיינֶער וָואס שְׁטַאמְט פוּן דֶעם עֶלְטְסְטְן פָאלְק, וָואס הָאט דִי עֶלְטְסְטֶע תּוֹרָה אוּן אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַזוֹי פִיל יָארְן פוּן נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוָועִרִיקַיְיטְן אוּן זַיְין גַאנְצֶער קִיוּם אִיז נָאר דוּרְךְ נִסִּים, - דֶער אִיז נִיט פַארְבּוּנְדְן מִיט קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן עֶר הָאט נִיט וָואס צוּ טְרַאכְטְן וֶועגְן זֵיי.

אוּן וֶוען מֶען פִירְט אִים אוֹיף דֶעם וֶועג נָאךְ זַיְיעֶנְדִיק אַ קְלֵיין קִינְד, עֶר זָאל וִויסְן אַז אַ אִיד אִיז הֶעכֶער פוּן חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֵייבִּיקְן פַארְבּוּנְד, דַאן זָאגְט־צוּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער "בְּיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע" - דוּ וֶועסְט הָאבְּן אֶמֶת'ן נַחַת, סַיי אִין רוּחְנִיּוּת סַיי אִין גַשְׁמִיּוּת.

(משיחת ו' מרחשון תשח"י)

**From his earliest years, a child should be taught and given to understand that the Jewish people as a whole – and every Jew as an individual – depends neither on nature nor its calculations** and limitations. A **young person should be told that he has to abandon such calculations, as he descends from a people whose very beginnings were not natural. He is part of the world's oldest nation, with the world's oldest book of law, a people that has undergone so many challenges and difficulties that their entire existence is miraculous.** And since **he is above any such calculations** from the physical or natural world, **he need not pay them heed** and allow them to restrict his understanding or blind him to G-d's presence in the world.

**When a child is led down such a path from his very first days – when he understands that a Jew is above** nature's **calculations** and restrictions but is instead **connected with G-d with an eternal bond – then G-d promises, "Your progeny will be called after Yitzchak."** A child raised in this spirit **will bring** his parents and his people **true *nachas,* both spiritually and materially.**

יח) זע פירוש רש"י דאָרט: "יחיה ביראתך".
יט) בראשית רבה סא, ד.
כ) תנחומא פרשת חיי, ח.
כא) בראשית רבה מה, א.
כב) אבות פרק ה, כא. קונטרס התפלה פ"ה.
כג) תוספתא סוטה פרק ו' סוף פסקא ג.
כד) זע תרגום יונתן שם.

# LECH LECHA III | לך לך ג

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Lech Lecha,* 5711 (1950)

## Introduction

The Rebbe Rashab once said, "The really joyful week is *Lech Lecha,* for throughout that entire week we live with Avraham."[1] "Living with" someone who lived nearly four thousand years ago is not a study in ancient history. It is an ongoing challenge to emulate his qualities – including *mesiras nefesh*, self-sacrifice – the heritage which he bequeathed to his descendants, i.e., every Jew. It's a challenge that we face joyfully, drawing on the infinite Divine energy G-d grants us.

1. *Sefer HaSichos 5702,* p. 30, cited in *Hayom Yom,* entry 3 Cheshvan.

# Living with the Ancestor of Our People

## The Legacy of Avraham

**1. Every day during the week of *Parshas Lech Lecha,* we live with Avraham, our Patriarch, the first to open the channel of *mesiras nefesh,* self-sacrifice,[1] who bequeathed this** quality **as a heritage to all Jews throughout the generations.**

**This includes even converts because they** also **share a connection to Avraham. They are** called **"children of Avraham." Only the** actual **descendants of Yitzchak and Yaakov share a connection with these** Patriarchs; **however,** all Jews, **including converts, share a connection with Avraham.**

**Therefore, in his well-known responsum,[2] which is based on the *Talmud Yerushalmi,[3] Rambam* writes that converts may also say "to our forefathers"** when reciting the Grace after Meals and other prayers **because Avraham, our Patriarch, is a father to all converts. Consequently, it is understood that the power of self-sacrifice which he bequeathed as a heritage to all Jews is granted to converts as well. Therefore, they too are called upon to fulfill the Torah and its commandments with complete vigor, even though this requires self-sacrifice.[4]**

Building on the above, it becomes apparent why **the week following** *Parshas Lech Lecha* **must certainly be a joyous one because there the Torah speaks about Avraham, our Patriarch, after he fulfilled the commandment of circumcision,**

א. פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ אִיז אַ וואָך וואָס אַלֶע טעג פוּן אִיר לֶעבְּט מֶען מִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ, דֶער עֶרְשְׁטֶער וואָס הָאט גֶעעֶפְנְט דֶעם צִנּוֹר פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ[כה], אוּן דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן בִּירוּשָּׁה צוּ אַלֶע אִידְן לְדוֹרוֹתֵיהֶם.

אֲפִילוּ גֵרִים זַיְינֶען אִין דֶעם כְּלַל, וואָרוּם זֵיי הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת צוּ אַבְרָהָם'עֶן. זֵיי וועֶרְן דָאך אָנְגֶערוּפְן בְּנֵי אַבְרָהָם. צוּ יִצְחָק'ן אוּן יַעֲקֹב'ן זַיְינֶען זִיךְ מִתְיַחֵס נָאר דִי וואָס שְׁטַאמֶען פוּן זֵיי, אָבֶּער צוּ אַבְרָהָם'עֶן זַיְינֶען זִיךְ מִתְיַחֵס אוֹיךְ גֵרִים.

דֶערְפַאר שְׁרַייבְּט דָאךְ דֶער רַמְבַּ"ם אִין דֶער בַּאוואוּסְטֶער תְּשׁוּבָה[כו] וועֶלְכֶע אִיז מְיוּסָד אוֹיפְן יְרוּשַׁלְמִי[כז], אַז אוֹיךְ גֵרִים קֶענֶען זָאגְן "לַאֲבוֹתֵינוּ", ווַיְיל אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אַ פָאטֶער צוּ אַלֶע גֵרִים. בְּמֵילָא אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז דָאס וואָס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן בִּירוּשָּׁה דֶעם כֹּחַ פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּ אַלֶע אִידְן, זַיְינֶען אוֹיךְ גֵרִים אִין דֶעם כְּלַל. דֶערְפַאר מָאנְט מֶען אוֹיךְ בַּיי זֵיי מְקַיֵּים צוּ זַיְין תּוֹרָה וּמִצְוֹת מִיט דֶער גַאנְצֶער שְׁטַארְקַיְיט, כָאטשׁ דָאס אִיז אָפְּהֶענְגִיק אִין דֶעם עִנְיָן פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ[כח].

אוּן אַ פְּשִׁיטָא, אַז דִי וואָך וואָס גֵייט נָאךְ לֶךְ לְךָ דַארְף אַוַדַאי זַיְין אַ פְרֵיילֶעכֶע, וואָרוּם דָארְט רֶעדט זִיךְ דָאךְ וועֶגְן אַבְרָהָם אָבִינוּ נָאכְדֶעם ווִי עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוועֶן דִי מִצְוָה פוּן מִילָה,

---

1. The *maamar* entitled *Ki K'asher HaShamayim Hachadashim,* 5678. See also *Hayom Yom,* entry 3 Cheshvan.

2. Published in *Teshuvos HaRambam, Shlesinger* ed., *Sefer Ahavah,* responsum 19.

3. *Talmud Yerushalmi, Bikkurim* 1:4.

4. See *Tanya,* the end of ch. 25.

which was an extremely lofty matter.

In a talk delivered on Simchas Torah, 5710,[5] my revered father-in-law, the Rebbe Rayatz, said that when Avraham our Patriarch was seventy-five years old, he was already a "titleholder," a master over all his conduct, who had attained the spiritual level described as "intellect concealed from all thought."[6] He possessed all these attainments even before being commanded *Lech lecha,* "Go forth…," and thus before he circumcised himself. As such, imagine to what level he achieved through the *mitzvah* of circumcision!

The *mitzvah* of circumcision is connected with the concept of birth. All of Avraham's attainments before the *mitzvah* of circumcision had a connection to the limits of the created beings; therefore, it was possible for him to attain them with his own power. By contrast, the *mitzvah* of circumcision was granted from Above. Moreover, as explained in *Chassidus,*[7] there are two levels of circumcision: one achieved by man, the actual circumcision of the foreskin, and one granted from Above, as reflected in the verse,[8] "G-d your L-rd will circumcise your heart." Avraham's circumcision related to that loftier level. And as a whole, *Chassidus* explains that through the *mitzvah* of circumcision one draws down exceedingly lofty spiritual lights, levels of G-dliness that entirely transcend creation and the Chainlike Order of Existence (*Seder HaHishtalshelus*).[9]

For this reason, circumcision is connected with the concept of birth, for the birth of a child represents something entirely new, the revelation of the power of the *Ein Sof,* G-d's infinity, in these lower realms, as explained in *Chassidus.*[10]

וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ הוֹיכֶער עִנְיָן.

דֶער רֶבִּי דֶער שְׁוֶוער זָאגְט אִין דֶער שִׂיחָה פוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה תש"י[כט] אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד פוּן פִינְף אוּן זִיבְּעצִיק יָאר, אַ אִיד אַ "פָּאסֶעסָאר", אַ בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף אַלֶע זַיְינֶע הַנְהָגוֹת, "שֵׂכֶל הַנֶּעְלָם מִכָּל רַעְיוֹן"[ל], וָואס דָאס אַלְץ אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פַאר דֶעם "לֶךְ לְךָ", אוּן בְּמֵילָא אֵיידֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶע'מַל'ט. פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאךְ צוּ וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגָה עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען דוּרְךְ מִצְוַת מִילָה.

מִצְוַת מִילָה אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶעם עִנְיָן פוּן לֵידָה (גֶעבּוּרְט). אַלֶע עִנְיָנִים צוּ וֶועלְכֶע אַבְרָהָם אִיז צוּגֶעקוּמֶען בִּיז מִצְוַת מִילָה, הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת צוּ נִבְרָאִים, דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען צוּ זֵיי מִיט זַיְין אֵייגֶענֶעם כֹּחַ. מִצְוַת מִילָה אָבֶּער אִיז אַ עִנְיָן וָואס מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן פוּן אוֹיבְּן, ווי עֶס שְׁטֵייט אַז מִילַת אַבְרָהָם אִיז דֶער עִנְיָן פוּן מִילָה שֶׁלְּמַעְלָה[לא] - וּמָל ד' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ. אוּן אַזוֹי בִּכְלָל - אִיז מֶען דוּרְךְ מִצְוַת מִילָה מַמְשִׁיךְ אוֹרוֹת נַעֲלִים בְּיוֹתֵר, וָואס זַיְינֶען אִינְגַאנְצְן הֶעכֶער פוּן בְּרִיאָה אוּן סֵדֶר הַהִשְׁתַּלְשְׁלוּת[לב].

דֶערְפַאר אִיז מִילָה פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶעם עִנְיָן פוּן גֶעבּוּרְט, וָואס וֶוען אַ וְלָד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אִיז דָאךְ דָאס אַ דָבָר חָדָשׁ אוּן דִי אַנְטְפְּלֶעקוּנְג פוּן דֶעם כֹּחַ פוּן אֵין סוֹף לְמַטָּה, ווי עֶס וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין חֲסִידוּת[לג].

---

5. Printed in *Kuntreis Shemini Atzeres,* 5711 (*Sefer HaMaamarim 5711,* p. 98).

6. *Torah Or,* p. 11a; *Toras Chayim,* the beginning of *Parshas Lech Lecha,* sec. 1ff.

7. *Torah Or,* end of *Parshas Lech Lecha,* p. 13c.

8. *Devarim* 30:6.

9. With regard to circumcision as a whole, see the *maamar* entitled *LaMenatzei'ach al HaSheminis* (*Likkutei Torah, Vayikra,* p. 20c ff.); the *Tzemach Tzedek's Derech Mitzvosecha, mitzvas milah; et al.,* where the concepts are explained at length.

10. *Likkutei Torah, Shir HaShirim,* p. 39d ff.; the *maamar* entitled *Kol*

בְּמֵילָא דַארְף דִי וָואךְ אַוַדַאי זַיְין אַ פְּרֵיילֶעכֶע, און אַזוֹי אוֹיךְ דִי וָואכְן וָואס קוּמֶען דֶערְנָאךְ זָאלְן אוֹיךְ זַיְין פְּרֵיילֶעכֶע, ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט[לד] אַז שִׂמְחַת תּוֹרָה ווֶערְט נִמְשָׁךְ דֶער מַקִּיף כְּלָלִי ווֶעלְכֶער אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מַקִּיפִים פוּן גַאנְץ חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, און פוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה ווֶערְט דָאס נִמְשָׁךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

(משיחת ש״פ לך לך תשי״א)

**Consequently, this week must certainly be a joyous one, and the weeks that follow should also be joyous. As the Rebbe** Rayatz **states,**[11] **on *Simchas Torah,* there is drawn down an all-encompassing** light **of a general nature that includes all the encompassing** lights **of the entire month of Tishrei. And, from *Simchas Torah,* this** impetus of joy **is drawn down** and extends **throughout the entire year.**

---

***HaMaarich BeEchad,* 5686, sec. 4 (*Sefer HaMaamarim Kuntreisim,* Vol. 3, pp. 11-12; the *maamar* entitled *Mayim Rabim,* 5717 (*Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat,*** Vol. 1, p. 323ff.).

11. *Sichas Shemini Atzeres,* 5703 (mentioned and explained in the **preamble to *Kuntreis* 98, *Sefer HaMaamarim 5709,* pp. 67-68);** *Sefer HaMaamarim 5702,* p. 49.

---

כה) ד״ה כי כאשר השמים החדשים תרע״ח.

כו) געדרוקט אין תשובות הרמב״ם (הוצאת שולזינגער) ספר אהבה סימן יט.

כז) ירושלמי ביכורים פרק א׳ הלכה ד.

כח) תניא סוף פרק כה.

כט) געדרוקט אין קונטרס שמיני עצרת תשי״א (סה״מ תשי״א ע׳ 98).

ל) תורה אור יא, א. תורת חיים ריש פרשת לך פרק א ואילך.

לא) תורה אור סוף פרשת לך לך יג, ג.

לב) אויספירלעך - זע לקוטי תורה תזריע ד״ה למנצח על השמינית, ספר המצות לה״צמח צדק״ מצות מילה, ועוד.

לג) לקוטי תורה שיר השירים לט, ד ואילך. ד״ה כל המאריך באחד, תרפ״ו אות ד (סה״מ קונטרסים ח״ג ע׳ יא־יב). ד״ה מים רבים תשי״ז (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ נד־ה).

לד) שיחת שמיני עצרת תש״ג (הקדמה לקונטרס צח - סה״מ תש״ט ע׳ סז־ח).

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie